בס"ד

# תורת אביגדור
באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית
נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל
וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

### פרשת וישב - חנוכה

# ראטעווע אונז פון אנטיסעמיטיזום

פרנס לכל השנה

נתנדב ע"י
מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו
לרגל הולדות בנו למז"ט

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ
**אברהם חיים ב"ר דוב** ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-0332**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת וישב - חנוכה

שנה ד׳

# ראטעווע אונז פון אנטיסעמיטיזום

## תוכן:

חלק א. דערנידערט דורך די נידעריגע - חלק ב. דער דערנידערטער - חלק ג. איבערגעוועלטיגט דורך די דערנידערערס - חלק ד. די נידעריגע גריכן - חלק ה. די דערנידערטע זענען שיין

## חלק א. דערנידערט דורך די נידעריגע

### יוסף אנטלויפט

חנוכה דערנענטערט זיך און איך וואלט געוואלט רעדן מיט אייך איבער דעם, איבער איינע פון די לערעס וואס דער יום טוב קומט אונז לערנען. אבער פאר מיר גייען ווייטער, אלס א הקדמה צו די נושא דארפן מיר דערמאנען א געוויסער אינצידענט וואס האט פאסירט לאנג צוריק אין אונזער היסטאריע.

צי געדענקט איר ווען יוסף האט זיך נישט געוואלט אונטערגעבן צו די ווייב פון פוטיפר? זיין האר׳ס ווייב האט אים שטענדיג פראבירט צו צורעדן צו טון אן עבירה מיט איר אבער **וַיְמָאֵן** - ער האט זיך קעגנגעשטעלט (וישב לט:ח). און דאך, וויפיל יוסף האט געזאגט ניין, האט זי פארגעזעצט אים צו צורעדן - טאג נאך טאג האט די זינדיגע פרוי נישט נאכגעלאזט מיט אירע צורעדענישן.

וואס האט פאסירט? איין טאג ווען זי איז געקומען נאנט צו אים און אים פראבירט צו איבעררעדן, האט זי שוין פארלוירן איר געדולד און אים געוואלד באצווינגען מיט געוואלד. דאן האט יוסף נישט געהאט קיין ברירה נאר צו אנטלויפן. **וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ** - ער האט איבערגעלאזט זיין מלבוש אין איר האנט, **וַיָּנָס וַיֵּצֵא הַחוּצָה** - און ער איז ארויסגעלאפן אין גאס (שם. לט:יב).

### שלעפן דעם קנעכט

יעצט האט זי געוואוסט אז זי איז אויף צרות. יוסף׳ס מאנטל געפינט זיך אין איר הויז און ער איז אינדרויסן אין גאס. די באוויינער זענען געווען דארט און זי וועט באשולדיגט ווערן פאר׳ן פראבירן אים צו באצווינגען; זי מוז עפעס טון דערצו. איז זי ארויסגעלאפן אין גאס און אויפגעהויבן א גרויס געוואלד איבער דעם ווי אזוי יוסף האט פראבירט איר צו באצווינגען; און זי האט גענוצט דעם מלבוש אלס באוויז. "און אז איך האב זיך פראבירט צו ראטעווען פון אים דורך שרייען," האט זי געזאגט, "איז ער דערשראקן געווארן און איז ארויסגעלאפן אין גאס." דאס איז געווען איר מעשה.

אצינד שטייט די 'נעבעכדיגע' 'אומשולדיגע' פרוי אינדרויסן אין גאס און שרייט צו יעדן, וויינענדיג אויף דעם שמוציגן יונג וואס האט פראבירט איר צו באצווינגען. דער מדרש דערציילט וואס עס האט דערנאך

פאסירט. פוטיפר האט זיך אהיימגעאיילט פון די ארבעט און ווען זי האט אים דערציילט די מעשה, אלע פרטים איבער וואס דער זינדיגער עברי האט פראבירט צו טון, איז ער געווארן פול מיט כעס; ער האט געכאפט יוסף און אים אנגעהויבן האקן און זעצן. און נאך וואס ער האט אים גוט צעשלאגן האט ער אים אנגעכאפט ביי איין אויער און זי האט אים אנגעכאפט ביים צווייטן אויער און זיי האבן אים געשלעפט צו די פאליציי, צו ווערן פאר'משפט.

איך וועל אייך פארשטעלן די סצענע. זי און איר מאן שלעפן יוסף דורך די גאסן ביי זיינע אויערן. פוטיפר איז געווען א חושב'ער פערזענליכקייט און זיין קנעכט איז געווען גוט באוואוסט, אזוי אז די סצענע האט געצויגן אן עולם. פרויען און קינדער האבן געקוקט פון די פענסטערס, די מענער האבן זיך ארויסגעאיילט פון זייערע הייזער אויף די גאסן צו זען וואס גייט פאר.

## שפייען און פארשעמען

און אונזערע חז"ל זאגן אונז אז אין די צייט וואס יוסף איז געשלעפט געווארן דורך די גאסן, האבן פוטיפר און זיין ווייב אים באשאטן מיט זידל רייד איבער זיין קאפ. זי האט געשריגן בלבולים און פוטיפר האט געקריצט מיט זיינע ציין. "זעט וואס מיר האבן געטון פאר אים. מיר האבן אים דערהויבן. מיר האבן אים געמאכט אלס דער אויפזעער פון אונזער הויז, און דאס איז ווי אזוי ער האט פראבירט אונז צוריקצוצאלן? דורך זיך פירן אזוי נידריג?!"

און די מצריים וועלכע האבן צוגעזען דעם ספעקטעקאל, זיי האבן געקוקט און צוגעשאקלט מיט זייערע קעפ. "דאס איז וואס מען באקומט פאר'ן אים אריינעמען אלס קנעכט אין הויז. וואס דען קענסטו ערווארטן פון אן עברי? נאר א שמוציגער עברי קען זיין אזוי זינדיג און טון אזא אומציוויליזירטע זאך." אפגעזען פון אלע טייטשן וואס איז דא אויף דאס ווארט עברי, האט עס אבער פאר די מצריים געמיינט א פארהאסטע פאלק, א קארופטירטע פאלק. און זיי האבן געשטויסן יוסף און געשפיגן אויף אים, פארשעמענדיג אים בשעת ער איז געשלעפט געווארן אויף די גאסן.

## חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי

אלזא, אונזערע חז"ל זאגן אונז אז אין יענע צייט, בשעת די זידלערייען זענען באשאטן געווארן אויף אים, האט יוסף געזאגט א געוויסער פסוק. ס'איז באמת א פסוק אין תהלים, אבער אונזערע חכמים טוען עס אויך צושטעלן צו יוסף; דאס הייסט אז אין יענע צייט האט ער געזאגט דעם פסוק אדער עפעס ענליך: "**חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי** - צו דער שאנד פון די אומווערדיגע זאלסטו מיר נישט לייגן" (תהלים לט:ט). יוסף האט געבעטן דעם באשעפער, "איך בעט דיר, באשעפער! מאך מיר נישט דעם ציל-ברעט פאר פארשעמונג און בלבול, אין די הענט פון אוממאראלישע מענטשן. פארוואס זאל איך ווערן צו שאנד דורך אזעלכע נידעריגע מענטשן?"

נאך אלעם, די ווייב פון פוטיפר אליין איז געווען די נידעריגסטע פון אלע פרויען. זי איז געווען די וואס האט געוואלט זינדיגן. און זי האט פראבירט איר בעסטע דאס צו אויספירן. **וַיְהִי כְּדַבְּרָהּ אֶל יוֹסֵף יוֹם יוֹם**, זי האט גערעדט צו אים יעדן טאג (שם. לט:י). נישט נאר רעדן, נאר זי האט געביטן אירע קליידער יעדן טאג אינדערפרי און אין אווענט אים צו צוציען דערצו (יומא לה). און יעצט טוט די נידעריגע פרוי שלעפן דעם ערליכן יוסף דורך די גאסן און אויסרופן, "זעט וואס דער עברי, וואס איז אריינגעברענגט געווארן אין אונזער הויז; זעט וואס ער האט פראבירט צו טון!"

און די מצריים וועלכע האבן זיך באטייליגט אין די בלבולים וואס זיי האבן אויסגעגאסן אויף יוסף'ס קאפ - ווער זענען זיי געווען? זיי זענען געווען שטופי זימה - איינגעטונקען אין אוממאראלישקייט. איר געדענקט ווען מען האט געליינט אין די תורה די פרשה פון עריות, איז עס געליינט געווארן מיט א הקדמה,

"גייט נישט נאך די תועבת מצרים, די אומווערדיגקייטן פון די מצריים, וואס איר האט געזען אין מצרים" (ויקרא יח:ג). דאס מיינט, אז זיי זענען געווען דער שפיץ, דער קלימאקס פון אוממאראלישקייט אין די פארצייטישע וועלט. און אזוי, זענען די דאזיגע אוממאראלישע מענטשן, דער נידעריגסטער שיכט, זיי זענען געווען די וועלכע האבן געשריגן זידלערייען אויף יוסף.

און אזוי האט יוסף געבעטן, "באשעפער! ביטע! **חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי** - ראטעווע מיך פון ווערן באשולדיגט דורך נידריגע מענטשן."

## נידעריגע אידן?!

אצינד דארפן מיר מדייק זיין אינעם לשון פון דעם פסוק. צו ווערן פארשעמט איז קיינמאל נישט קיין אנגענעמע איבערלעבעניש. אבער ווען איינער וואס איז אליין שולדיג אין דאס זעלבע פארברעכן באזידלט דיר גרונדלאז פאר'ן טון דאס וואס ער אליין טוט, דאס איז א ספעציעלע הארץ ווייטאג. צו באקומען חרפה, צו ווערן צו שאנד, דורך א נבל, א נידעריגער זינדיגער מענטשן; צו ווערן באשולדיגט מיט די זעלבע זינד וואס דער מענטש אליין באגייט, דאס איז ספעציעל ווייטאגליך; און יוסף האט מתפלל געווען אז דער באשעפער זאל אים באשיצן פון אזעלכע באשולדיגונגען.

אבער מיר דארפן וויסן אז דער פסוק האט ער נישט געזאגט נאר פאר זיך אליין; ס'איז א צייכן אויף אויפ'ן צוקומפט. ווי מיר האבן שוין אין די פארגאנגענהייט דערמאנט, די חכמים זאגן אונז אז **כָּל מַה שֶּׁאֵרַע לְיוֹסֵף אֵרַע לְצִיּוֹן** - אלעס וואס האט פאסירט צו יוסף, האט אויך פאסירט צו דאס אידישע פאלק. **יוֹסֵף בְּגִימַטְרִיָּא צִיּוֹן** - יוסף און ציון זענען די זעלבע גמטריא. דאס איז א רמז, זאגן די חכמים, אז די פאסירונגען דורכאויס יוסף'ס לעבן זענען צייכנס אויף וואס עס וועט פאסירן צו יוסף'ס פאלק. די וועלכע זענען זייער ווייט פון זיין ריין וועלן אלעמאל רופן די ריינע "שמוציגע אידן".

איך האב אמאל שפאצירט אין די באוורי געגנט (וואו עס געפינען זיך ביליגע טרונק הייזער). דאס איז געווען בערך זיבעציג יאר צוריק. איך בין דארט געגאנגען אין גאס און אנגעטראפן אן אנגעטרונקענער גוי. ער האט קוים געקענט גיין אויף זיינע פיס. און ער איז געווען עקלהאפטיג. א שמוציגער גוי וואס עס האט זיך דערטראגן פון אים א שלעכטן ריח. ער האט מיר געזען און ער האט אויסגעשריגן, "שמוציגער איד." איך האב נישט געקענט שטיין נעבן אים, אזוי נישט גוט האט ער געשמעקט.

## פארברעכער'ס באשולדיגונגען

און דאס איז וואס יוסף האט פאראויס געזען; אז וואס עס פאסירט יעצט צו אים אין די גאסן פון מצרים, וועט אויך פאסירן אויף די גאסן פון בבל. עס וועט פאסירן אויף די גאסן פון שפאניע און דייטשלאנד און סיריע און אויך אמעריקע; עס איז געווען א פארבילד אויף די גאנצע שפעטערדיגע היסטאריע. "איך בין א סימבאל," האט יוסף געזאגט, "אויף וואס עס גייט פאסירן צו מיין פאלק."

'**חֶרְפַּת נָבָל**' איז א שטארקער כלל דורכאויס די היסטאריע. אלע אומות העולם, די אנטיסעמיטן, וועלן שטענדיג אויסטראכטן בלבולים קעגן דאס אידישע פאלק; אבער זיי וועלן נישט דארפן צופיל טראכטן ווייל די זאכן וואס זיי אליין טוען, זאכן וואס זענען אמת ווי ווייט עס איז זיי נוגע, וועלן זיי נעמען די זאכן און אונז באשולדיגן דערמיט. דאס איז דער כלל וואס די חז"ל לערנען אונז דא.

איז אלזא, ווען מיר לערנען איבער די היסטאריע פון פאלק דארפן מיר נישט ווערן איבערראשט; מיר קענען ערווארטן אז די באשולדיגונגען פון די גוים וואס זיי צילן קעגן אונזער פאלק טוט אייגנטליך אפשפיגלען זייערע שלעכטע מעשים און די פארברעכנס פון אונזערע באשולדיגער. דאס איז א כלל וואס איז שטענדיג ריכטיג.

## ער שילדערט זיינע מעשים

ווען דער פויפסט גריגארי - דער נומער וואס קומט נאך זיין נאמען געדענק איך נישט - האט געשריבן צו איינער פון די קעניגן לואיס פון פראנקרייך - איך האב אויך פארגעסן דעם נומער נאך זיין נאמען - אז ״די אידן זענען באגאנגען די ערגסטע פארברעכנס וואס זענען צי געפערליך צו רעדן דערפון,״ זאלן מיר נישט אריבערפארן אזא אויסדריק אלס בלויזע שנאה.. מיר דארפן עס נישט בלויז אוועקמאכן אלס א פאלשקייט, וואס דאס איז אוודאי וואס עס איז. נאר מיר דארפן אפלערנען דעם אויסדריק אלס אן אפשפיגלונג פון די באשולדיגער!

פון דעם פויפסט׳ס באשולדיגונגען קענען מיר שוין ארויסדרינגען עפעס איבער דעם פויפסט גריגארי און זיינע אונטערטאנען. זיי זענען באגאנגען פארברעכנס וואס מ׳קען נישט ארויסברענגען אויפ׳ן מויל, צו עקלהאפטיג זיך צו באציען דערצו. נישט נאר די פעלקער פון אייראפע, נישט נאר די באראנען, נישט נאר די מענטשן מיט רציחה און מאכט, נאר דער דאזיגער זאץ פון דעם פויפסט דארפן מיר ערנסט נעמען אלס א שילדערונג אויף וואס די פויפסטן האבן געטון.

אלזא, מיינט נישט פאר קיין מינוט אז דאס איז איבערגעטריבן. עס איז דא ברייטפארצווייגטע ליטעראטור איבער די זינד פון די בישאפן פון די קירכעס. נישט נאר קעגן אונז; קעגן אונז איז נישטא קיין ענדע צו די פארברעכנס וואס זיי האבן געטון. די פילצאליגע גזירות קעגן אונז אין די קריסטליכע אייראפע איז גוט באוואוסט. אבער אפילו צווישן זיך זענען זיי געווען פארנומען א גאנצע צייט מיט די ערגסטע סארט אויפפירונגען.

עס איז דא אומענדליכע ליטעראטור איבער די נושא אבער זיי זוכן דאס אויסצובאהאלטן אז דער המון עם זאל נישט האבן קיין צוטריט דערצו. עס איז זייער שווער צו קויפן די ביכער וואס רעדן איבער די פארברעכנס פון די קירכע. עס איז דא א זייער מאכטפולע ארגענעזאציע וואס טוט זיכער מאכן אז די ליטעראטור זאל נישט זיין צו באקומען, און דערפאר צו באקומען אמת׳ע ווערק וואס דעקט אויף די מעשים פון די פויבסטשאפט איז כמעט אוממעגליך. איין היסטארישע ווערק האב איך געוואלט זען ווען איך האב געשריבן איינער פון מיינע ביכער עס איז אבער געווען זייער שווער צו לייגען א האנט דערויף. עס איז דא נאר איין קאפיע אין די פאבליק לייבערי אין די הויפט אפטיילונג און מען קען עס נישט ארויסנעמען. דאס איז וואס אן ארגענעזאציע קען אויפטוהן.

## מארד צווישן די גוים

און אזוי, אין די צייט וואס זיי האבן באשולדיגט אונזערע עלטערן אין אייראפע פאר׳ן הרג׳נען קריסטן, אין די זעלבע צייט זענען זיי געווען פארנומען צו ערמארדן אידן; און זיי זענען געווען פארנומען מיט מארד צווישן זיך אויך.

דרך אגב, מארטין לוטהער איז נישט געווען עפעס בעסער. מיינט נישט אז די פראטעסטאנטן זענען געווען עפעס בעסער. מארטין לוטהער איז געווען באוואוסט מיט זיינע לאזונגען באשולדיגנדיג די אידן. נאכאמאל און נאכאמאל האט ער געמאכט אזעלכע פראקלאמאציעס. עס זענען דא דערפון רעקארדירונגען ווייל דאס זענען געווען אפיציעלע דערקלערונגען. די זאכן זענען געווארן פאבליצירט און פארעווייגט אין די קירכעס. זיי זענען געדרוקט געווארן און ארויפגעקלעבט געווארן אויף די טירן פון די תיפלות. מארטין לוטהער האט געוואלט אז די פראטעסטאנטן, די רעפארמירער, זאלן וויסן אז ״די אידן פראבירן ביי יעדע געלעגנהייט צו ערמארדן קריסטן באהאלטענערהייט.״ אצינד ווייסט איר ווער די ׳צדיקי אומות העולם׳ זענען. פון די באשולדיגונגען וואס זיי האבן אויסגעגאסן אויף די אומשולדיגע אידן, ווייסט איר שוין איבער זייער צדקות.

## היטלער׳ס באשולדיגונגען

דאס איז א כלל אין די וועלט׳ס היסטאריע. מיינט נישט אז עס האט זיך געענדיג מיט די מיטלאלטער תקופה. היטלער האט געשפאנט אין דעם זעלבן אויסגעטראטענעם וועג פון זיינע קריסטליכע פארגייער. איר ווייסט, היטלער איז געווען איינער פון די הויפט באשולדיגערס אז די אידן זענען מערדער. ער האט באשולדיגט די אידן אין פראבירן צו ערמארדן דייטשן אין די צייט וואס ער און זיין פאלק האבן אויפגעשטעלט גאז קאמערן און קרעמיטאריומס.

פארראכאן, דער שווארצער היטלער, האט באשולדיגט די אידן מיט יעדן סארט פארברעכן קעגן די מענטשהייט; אבער ער איז געווען דער וואס איז באגאנגען די פארברעכנס. אין פאקט, די אידן, אין מערסטנס פעלער, האבן געהאנדלט מיט אים מיט זיידענע הענטשיקעס. זיי האבן פראבירט צו פארדעקן אויף זיינע זינד. איך בין נישט איינשטימיג מיט די סארט פירונג, אבער דאס איז וואס זיי האבן געטון. און אזוי, אין די צייט וואס זיינע מענטשן האבן אפגעברענט גאנצע שטעט, האבן זיי געזאגט אז די אידן זענען די וועלכע מאכן חרוב אמעריקע. ס׳איז זייער שלעכטיגקייט אבער זיי באשולדיגן אונז.

און דאס איז צוליב דאס וואס האט פאסירט צו יוסף הצדיק, דאס איז א פארבילד אויף אלע פעלקער פון די וועלט. זיי גייען אונז באשולדיגן מיט אומגערעכטיגקייט איבער אלע שולדן וואס זיי אליין האבן. און ווייל דאס גייט זיין דער גאנג אין אלע דורות, דערפאר האט יוסף געדאווענט אז ווען עס קומען פאר אזעלכע אינצידענטן, זאל דער באשעפער טון עפעס צו אויסראטן די באשולדיגונגען.

# חלק ב. דער דערנידערטער

## אידיש אדער איטאליעניש

אבער אצינד ווען מיר אפלערנען דעם כלל מיט א השקפה׳דיגער בליק און מיר וועלן באלד זען ווי אזוי עס האט שייכות צו דאס וואס דער יום טוב חנוכה קומט אונז לערנען. ווען די פעלקער פון די וועלט באשולדיגן דאס אידישע פאלק איז זייער וויכטיג צו האלטן אין קאפ דעם כלל, אז די אלע באשולדיגונגען, די אלע זידלערייען, די אלע שפעטערייען, די אלע פארשעמונגען, די אלע בלבולים, די אלע ליגנטס וואס ווערן ארויסגעזאגט קעגן אונזער פאלק זענען נישט מער ווי אן אפשפיגלונג אויף וואס די באזידלער אליין זענען. און מיר דארפן אנערקענען אז די השפעה פון נאכאנאנדע באשולדיגונגען איז גורם אז דער באשולדיגטער ווערט מיט די צייט אפגעשוואכט און ער הייבט אן גלייבן אין די באשולדיגונגען.

פארוואס איז דאס אז דער אומרעליגיעזער איד שעמט זיך ארויסצווייזן זיין אידישקייט? פארוואס איז דאס אז ווען איך בין פאריגע וואך געפארן אויף א באס, האב איך געהערט ווי א אידישע מאמע האט אנגעהויבן רעדן צו איר טאכטער אויף אידיש, אבער איר טאכטער האט געזאגט, "ששש!" און זי האט זיך ארומגעקוקט אויב איינער האט באמערקט אז איר מאמע האט גערעדט אויף אידיש.

פארנט פון זיי איז געזעסן אן אלטע איטאליענישע פרוי וואס האט געפלאפלט אויף איטאליעניש הויך אויפ׳ן קול. און איר טאכטער איז געזעסן און רואיג אויסגעהערט. זי האט זיך נישט געשעמט; נאך אלעם איז זי איטאליעניש. איז איטאליעניש א חשוב׳ערע שפראך ווי אידיש?

## איבערצייגט דורך די זינדיגע

און דער ענטפער איז, אז נאך א שטיק צייט ווערט דער באשולדיגטער אזוי אראפגעקלאפט, אז ער הייבט אן צו גלייבן אז ער איז נידעריגער. ער ווערט פארשעמט. די חרפת נבל, די באשולדיגונגען פון די נבלים קעגן אונז, דרינגט צום סוף אריין און די שוואכערע אידן ווערן איבערצייגט אז מיר זענען נישט גוט.

נאך אלעם, אזויפל גוים זאגן אז מיר זענען נישט גוט. און זיי זאגן דאס שוין אזויפיל יארן! אפשר איז דא עפעס דערצו. און אזוי ווערן די גוטע איבערצייגט אז די זינדיגע זענען גערעכט - זיי ווענלן עס אפשר נישט מודה זיין, זיי וועלן עס אפשר אפילו נישט וויסן, אבער זיי זענען געווארן פארנארט.

דאס איז וואס יוסף הצדיק האט געמיינט ווען ער האט געדאווענט די ווערטער, "**חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי**". נישט נאר אז דער באשעפער זאל אונז באשיצן אז מיר זאלן נישט פארשעמט ווערן אין די הענט פון די זינדיגע לייט וועלכע זענען אליין שולדיג; נאר נאך וויכטיגער, אז מיר זאלן נישט באאיינפלוסט ווערן דורך די באשולדיגונגען. ס'איז געווען שלעכט צו ווערן באשולדיגט דורך מענטשן וואס זענען אליין זינדיג אבער ווען מיר אליין ווערן די נאראנים פון די דאזיגע זינדיגע מענטשן, דאס איז די גרעסטע פארשעמונג פון אלעם. דאס איז דער גרעסטער געפאר פון דעם חרפת נבל.

## לערנען גייסטישע כללים

אבער לאמיר אריינגיין אביסל טיפער אין די נושא. ווייל ביז אהער האבן מיר עס ערקלערט בלויז אין אן אויבערפלעכליכן וועג - אז מיט די צייט טוען די באשולדיגונגען פון די פעלקער קעגן אונז אריינדרינגען און די שוואכערע אידן ווערן באאיינפלוסט אז מיר זענען נישט גוט. און בשעת דאס פאסירט טאקע אזוי, איז עס אבער נישט גענוג אפגעלערנט. מיר דארפן אנערקענען אז זאכן זענען נישט אזוי פשוט ווי זיי זעען אויס ווייל די וועלט איז א גייסטישע (רוחניות'דיגע) וועלט. טראץ אלעס וואס מיר לערנען איבער דעם גשמיות'דיגן סדר אין די וועלט, דארפן מיר פארשטיין אז די וועלט איז מער פון אלעס אונטערגעווארפן גייסטישע כללים.

און איינע פון די כללים - כאטש וואס פיל אידן זענען גענצליך נישט באוואוסטזיניג דערצו און אפילו די וועלכע לערנען פארשטייען עס נאך אלץ נישט ריכטיג - איינע פון די כללים איז, אז עס איז דא א געוואלדיגער כח וואס דרינגט אריין אין אלע ענינים פון די מענטשהייט, אלע ענינים פון די היסטאריע, און קאנטראלירט אלעס וואס שפילט זיך אפ אויף די וועלט.

## דער מיסטעריעזער כח

צי ווייסט איר ווי אזוי דער כח ווערט גערופן? ס'ווערט גערופן אין לשון הקודש: יצר הרע. אלזא, דער יצר הרע איז נישט קיין פאנטאזיע. ס'איז נישט א משל אדער אן אופן פון רעדן; ס'איז אן אמת'ער כח. אויב איר ווילט קענט איר עס רופן א מלאך, אויב דאס וועט עס מאכן פשוט'ער פאר אייך. אבער סיי ווי אזוי איר רופט עס, איז עס א כח וואס דער באשעפער האט אריינגעלייגט אין די וועלט מיט'ן ציל צו מאכן נסיונות און פארמעסטונגען פאר זיין פאלק. דער יצר הרע מאכט דאס לעבן זאל זיין ווערד צו לעבן. אן דעם יצר הרע, וואלט נישט געווען ווערד צו לעבן ווייל וואס איז דער צוועק פון זיין אויף די וועלט אויב נישט צו ווערן אויסגעפרואווט?

און אזוי, וואס איז דער מקור פון די נארישקייט אז די אידישע מיידל אויפ'ן באס האט זיך געשעמט מיט איר אנשטענדיגע מאמע וואס רעדט אידיש? דער ענטפער איז: עס איז דער יצר הרע. עס קען בלויז זיין צוליב א מיסטעריעזער כח, א כח וואס האט איר גורם געווען צו קוקן אויף אידישקייט מיט די אויגן פון פארוואורף, אומצוטרוי. וואס דען קען עס זיין וואס זאל קענען צוברענגען צו אזא לעכערליך אויסזעענדע זאך, א זאך וואס איז אזוי אומלאגיש?

## דער ישיבה'שער עוואלוציאנער

און דערפאר דארפט איר וויסן אז ווען אידן ווערן פארנארט דורך וויסנשאפטלער, דורך עוואלוציאנערן, ווערן זיי אייגנטליך פארנארט דורך דעם יצר הרע פון חרפת נבל. איך האב אמאל גערעדט קעגן עוואלוציע

אין א געוויסע ישיבה, איז איין בחור צוריקגעקומען דעם קומענדיגן טאג און ער האט מיר געזאגט אז זיין טאטע - זיין טאטע איז געווען אן אלטער ישיבה מאן - זיין טאטע האט געזאגט, "וואס איז דאס א חילוק אויב דו קומסט ארויס פון א פיש אדער דו קומסט נישט ארויס פון א פיש? מיר גלייבן סייווי אז דער באשעפער מאכט אלעס."

איז דאס נישט די נארישסטע זאך?! אט איז א איד, א בן תורה, וואס איז אונטערגעווארפן צו טיפשות. פארוואס זעט ער נישט די סתירה צווישן עוואלוציע און די תורה? איך קען דעם מענטש - ער איז נישט געקומען צו די דאזיגע מסקנה ווייל ער האט עס דורכגעטון, נאר ווייל ער איז געווען שוואך; ער איז קיינמאל נישט צוגעגרייט געווארן זיך צו קריגן מיט דעם יצר הרע און איינמאל ס'איז דא אזא גרויסע צאל פון מענטשן וואס גלייבן אין אט די פאלשע אידיאלאגיע, איז אויב ביסטו א שוואכלינג ווערט עס אויך דיין אידיאלאגיע.

## די אפיקורס'ישע וויסנשאפטלער

עוואלוציאנערן טענה'ן אז זיי רעדן דעם אמת; זיי זאגן אז דו פאלגסט נאך א פרימיטיווער וועג פון טראכטן און זיי טוען בלויז נאכפארשן דעם אמת צו סיי וואו עס פירט זיי. אבער פאקטיש זענען זיי די וויינציגסטע אינטערעסירט אינעם אמת. איר ווייסט דאס? איך ווייס אז איר האלט נישט אזוי. איר זענט נאכנישט איבערצייגט ווייל איר זענט אויך פארנארט געווארן.

איך וועל אייך שוין איבערצייגן אז אן עוואלוציאנער קען בכלל נישט זוכן דעם אמת. איר ווייסט פארוואס? ווייל ווען מען זוכט עפעס דארף מען האבן א מאטיוואציע. דאס איז א פונדאמענטאלער יסוד פון דער מענטשליכער כאראקטער. קיינער טוט גארנישט אן קיין מאטיוואציע.

אלזא, וואס איז די מאטיוואציע פון די עוואלוציאנערן? זיי ווילן זיך קעגנשטעלן צו אלע לערעס אויפ'ן באשעפער און בריאת העולם. זיי זענען נישט אינטערעסירט אין דעם מושג פון א באשעפער ווייל זיי ווילן זיין פריי צו טון וואס זיי ווילן. האבן זיי אבער געדארפט אויסטרעפן עפעס א וועג צו ערקלערן די באדייטפולע, וואונדערליכע חכמה וואס ליגט אין אלע זאכן, איז ווען די טעאריע פון עוואלוציע איז פאראויסגעגאנגען דורך דעם וויסנשאפטלער דארווין, האבן זיך די דאזיגע מענטשן צוגעכאפט דערצו אלס א וועג ארויס, אלס א לעזונג צו זייער פארלעגנהייט. נישט אז די פאקטן האבן זיי צוגעברענגט צו גלייבן אין עוואלוציע, נאר זייער נייגונג צו אפיקורסות האט זיי געשטופט צו זוכן א טעאריע, צו זוכן טענות כדי אונטערצושטיצן זייער מאטיוואציע. די וויסנשאפטליכע וועלט, די אקאדעמישע וועלט, האבן אנגענומען א טעאריע וואס איז ארויפגעצוואונגען געווארן אויף זיי דורך זייער באדערפעניש.

אבער אמת? וואו קומט אמת אריין בכלל? וואו איז דא, סיי וואו אין די אלע ליטעראטור פון וויסנשאפט, אזא זאץ אז עס איז א פעלער צו זאגן א ליגנט? פארוואס זאל עס זיין א פעלער? אויב ביסטו ארויסגעקומען פון א פיש וואס איז ארויסגעקומען פון אן 'אלגעי', פארוואס דארפסטו זיין אמת'דיג? די 'אלגעי' האט קיינמאל נישט באקומען א באפעל פון הימל; עס האט קיינמאל נישט מקבל געווען קיין שום תורה וואו עס שטייט אז עס איז א פעלער צו זאגן א ליגנט. איז פארוואס זאל אן עוואלוציאנער נישט זאגן קיין ליגנט? א קאטוילישער קען זיין קעגן ליגנט זאגן ווייל ער האט עפעס א רעליגיע. א מוחמד'יסט, א פראטעסטאנט, א בודהיסט, אפשר - איך ווייס נישט אויב זיי האלטן פאקטיש אין זייערע געזעצן אבער כאטש פארופן זיי זיך אויף געוויסע פרינציפן.

## אויפגערעגטע פרעש-מענטשן

אבער ווען אן עוואלוציאנער זאגט אז ער זוכט דעם אמת דאן ווייסט איר אז עס איז 100% נישט אמת. ער זוכט עפעס אנדערש, אבער ער זוכט נישט דעם אמת ווייל ער פילט נישט אז עס איז דא עפעס א

פליכט צו רעדן דעם אמת. ער איז דער לעצטער צו אנהאלטן דעם פרינציפט פון אמת ווייל אמת איז בלויז עטיש. דאס אלעס וואס עס איז. אמת איז עטיש. אויב זענט איר נישט עטיש, אויב קיין זאך איז נישט קיין אויסדריקליכער באגריף, אויב קיין זאך איז נישט געגעבן פון באשעפער, אויב אלעס איז בלויז דער רעזולטאט פון פארבאטן און מנהגים און פירונגען וואס האבן זיך אנטוויקלט אויפ'ן וועג ארויס פונעם זומפ, דאן וואספארא גילטיגקייט פארמאגט דען זייער זוכן דעם אמת?

אודאי, די מענטשן, די וועלכע זענען די וויניגסטע אינטערעסירט אינעם אמת, ווערן אויפגערעגט ווען איר בא'גנב'ט זיך ביי זייערע פארהערן. זיי זאגן צום סטודענט, "דו פאפסט אויס! דו ביסט נישט אמת'דיג." דאן זאל דער סטודענט ענטפערן, "דארף דען א פראש זיין אמת'דיג? דארף דען א גארילע זיין אמת'דיג? פארוואס זאל איך זיין אמת'דיג?" נאך אלעם, ווען עס קומט צו ביאלאגישע פירונג זאגט ער אז מיר זענען אלע פרעש און דערפאר מעגן מיר זיך אויפפירן ווי פרעש.

זיי האבן נישט קיין שום פרינציפטן. זייערע פרינציפטן זענען סינטעטיש און געקונצלט ווי עס קען נאר זיין. און דערפאר, פארוואס זאלן זיי זוכן דעם אמת? און זיי זוכן טאקע נישט. זיי באשולדיגן אונז פאר'ן פארקויפן פאלשקייט ווען זיי זענען די גרעסטע ליגנערס.

## דער גרויסער בלאף

אלזא, עס פאדערט צייט דאס צו צענעמען. איך וועל זיך פרייען דאס צו טון מיט אייך. מיר וואלטן זיך געדארפט צוזאמזעצן איין אווענט און אפגעבן א גאנצער שיעור אויף די נושא, אויף די פאלשקייטן, דאס טיפשות פון די גאנצע טעאריע פון עוואלוציע. אייגנטליך, אין געאלאגיע און אין ביאלאגיע איז נישטא דער מינדעסטער באווייז צו אונטערשטיצן קיין איינע פון זייערע באהויפטונגען. אז מען טוט זיך אפ פון די גערודער און פראפאגאנדע, ווערן די אלע באווייזן אויף א פאר-היסטאריע עפאכע און פאר-היסטאריע מענטש און פון עוואלוציע אין אלגעמיין גרינג ארויסגעוויזן אלס א בלאף.

און דאך זענען דא היינט אפילו געוויסע ארטאדאקסישע אידן וואס גלייבן אין עוואלוציע. היינט, אפילו א לייטישער פרומער איד, ער קען האבן געלערנט אסאך, אבער זיין נשמה איז אפגעשוואכט פון די חרפת נבל פון די דרויסנדיגע וועלט, "אפשר, אפשר, אפשר..." דאס מיינט אז די דאזיגע ליגנערס האבן אונז פארנארט. מיר זענען אפגעשוואכט. ווען דער 'או.יו. מאגאזין', דער 'אידישער עקשאן', פאבלוצירט אן ארטיקל וואס זאגט "אויב דער רמב"ם וואלט געווען דא היינט וואלט ער געזאגט אז עס מאכט אים נישט אויס קיין חילוק אויב אדם הראשון און די מאלפעס האבן די זעלבע אור-עלטערן," דאס איז דער רעזולטאט פון חרפת נבל.

אין די ישיבות און אין די מיידל שולעס בייגן זיי זיך אויך. זיי געבן זיך איין צו די חרפת נבל. די מנהלים, די ראשי ישיבה דארפן זיך ערוועקן און אנהייבן קאנטראלירן די ענגליש אפטיילונגען.

## אומבאזאלצענע פלייש

לאמיר זאגן איינער וועט קומען און זאגן, "איך ווייס אז דער קעכער האט נישט באזאלצן די פלייש; ער האט סערווירט אומבאזאלצענע פלייש," דאן קען דער ראש ישיבה זאגן, "קוק אהער, דאס איז נישט מיין אפטיילונג. איך האנדל נישט מיט די קאך"?!

למעשה, נישט באזאלצן די פלייש איז זיכער וויניגער הארב ווי צו לערנען פון עוואלוציע - זאלצן די פלייש איז נאר א דרבנן. דם שבשלו איז נאר א דרבנן. און דאך, מענטשן פארשטייען אז אויב מען קאכט פלייש אין די ישיבה קאך אן עס צו באזאלצן, וועט זיין א גאנצער סקאנדאל. עס וועט זיין אן איבערקערעניש. דער ראש ישיבה וועט אריינלויפן אין עס-זאל מיט א בעזעם און ער וועט אריינגעבן פאר'ן קעכער און אים ארויסטרייבן פון דארט.

## ארויסטרייבן די לערערס

אזוי זאל ער טון די זעלבע זאך צו די ענגלישע לערערס וואס לערנען פון עוואלוציע. די טריפות וואס ווערן סערווירט דורך די לערערס אין די סעקולארע אפטיילונג איז פיל ערגער ווי די טריפות סערווירט אין עס-זאל! און אזוי זאל ער ארייגלויפן אין די הויך שול אפטיילונג מיט א בעזעם און אנהייבן צו קלאפן אויף זייערע קעפ און זיי ארויסווארפן.

פארוואס ווערט עס נישט געטון? איך בין זיכער אז זיי וועלן אייך ענטפערן תירוצים אבער אין זייער א גרויסן מאס קומט עס פון די חרפת נבל. ס'איז א נארישע טיפשות וואס ווערט אריינגעגעבן דורך דעם יצר הרע. מיר ווערן באאיינפלוסט אז אפשר איז דער אמת דא ערגעץ דארט, אפשר אויף די אנדערע זייט.

און דערפאר, איז די געוואלדיגע לערע פון דעם פסוק **חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי**, אז מיר טארן זיך נישט לאזן ווערן באאיינפלוסט דורך די אידעאלן פון די דרויסנדיגע וועלט, די חרפה וואס זיי פראבירן צו ארויפצווינגען אויף אונז. די וועלט איז א וועלט פון שקר; זייערע אידעאלן, זייער מהות, זייערע קליידונג און שפראך, זייער מאטעריאליזם, זייערע אוניווערזיטעטן. היינט זעט מען עס מער און מער. יעדע סארט תאווה, יעדע סארט נארישקייט און זינדיגקייט ווערט פראקלאמירט ביז אפילו די גוטע מענטשן ווערן אונטערגעווארפן אונטער זיי. ווי אזוי פאסירט אזא זאך? ווייל די גוטע אידן ווערן פארנארט דורך די זייער שטארקע פתויי היצר, די חרפת נבל פון די דרויסנדיגע וועלט.

# חלק ג. איבערגעוועלטיגט דורך די דערנידערערס

## אפיקורס'ישע פאראהערן

אצינד, דארפן מיר וויסן אז אויף די וועלט זענען דא צוויי וויכטיגע נושאים, צוויי געוואלדיגע ווארהייטן וואס דארפן זיין ביים שפיץ פון אונזערע מוחות אין אלע צייטן. דער ערשטער איז אודאי דער באשעפער. **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים**, דאס איז נומער איינס! און אודאי איז עס די וויכטיגסטע און דערפאר שלאגט זיך דער יצר הרע קעגן דעם דאזיגן אמת מער ווי סיי וואס.

דער יצר הרע ניצט אלע רעגירונגס מיטלען זאלן אים העלפן אין זיין קאמף קעגן דעם יסוד פונעם תורה'דיגן אמת. ער שטיצט גרויסע אוניווערזיטעטן. מיליאנען דאללארן ווערן פארשווענדט צו דרש'נען אז א מענטש איז גארנישט נאר א צופאל, אז אמאל איז ער געווען א גארנישט נאר א מיקראב וואס שווימט אין א מאראסט קאלוזשע. יעדן טאג טוען די דרוקערייען דרוקן נייע ביכער, גרויסע טייערע ביכער, און די גאנצע מאסן ווערט פארפירט קעגן די אמונה פון א בורא.

היינט, אפילו ישיבה בחורים ווען זיי גראדואירן הויך שולע דארפן זיי ענטפערן שאלות אויף עוואלוציע. זיי פרעגן מיר, "וואס זאלן מיר טון?! צו ענטפערן די שאלות איז ווי צו מודה זיין אין עבודה זרה. אבער מיר דארפן דורכגיין די רעגירונגס פאראהערן!" זאג איך זיי, "ענטפער אזוי: 'די ביכער זאגן דאס און דאס.' זאגט נישט, 'דאס און דאס איז דער פאל.' שרייבט, 'די ביכער זאגן אז דאס און דאס איז דער פאל.'" זייערע ביכער זענען פול מיט שקרים. "די פאלשע ביכער זאגן דאס און דאס." דאס איז ווי אזוי צו ענטפערן די שאלות.

איבער די גאנצע וועלט, איז די קעגנערשאפט צום באשעפער אויף אן אויסטערלישן פארנעם ווייל דאס איז די וויכטיגסטע פון אלעס; ס'איז דער ערשטער יסוד אין די תורה און דערפאר שלאגט זיך דער יצר הרע קעגן דעם טאג און נאכט.

## נאך א גרויסער אמת

אלזא, וואס איז די צווייטער וויכטיגסטער אמת? נאך **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים**, איז די וויכטיגסטע זאך דאס אידישע פאלק. פון וואו ווייס איך דאס? עפנט א חומש. צי זאגט דער חומש, "וידבר ה' אל פטריק לאמר" אדער "וידבר ה' אל מורפי לאמר"? קיינמאל. דער באשעפער רעדט בלויז צו דאס אידישע פאלק. דער באשעפער רעדט נישט צו קיינעם נאר צו זרע אברהם. דער גאנצער חומש, די גאנצע נביאים, די גאנצע כתובים רעדן בלויז איבער די אידישע קינדער.

אלזא, צוליב דער ענין פון די גרויסקייט פון א איד, וואס איז אזא הויכפונקט אין די תורה, אזוי איז קעגן דער דאזיגער אמת די וועלט אויפגעשטאנען מיט אויפרעגונג און מרידה. אויב איז עס אזוי אז דאס אידישע פאלק איז די באליבטסטע פאלק, מיט דאס גרעסטע שלימות, דאן איז עס דער אמת וואס דער יצר הרע וועט פראבירן צו אטאקירן מיט אלע זיינע כוחות.

## אנטיסעמיטיזם אין ליטעראטור

דאס איז פארוואס דורכאויס די היסטאריע - און די דאזיגע צייטן זענען נישט פאריבער - איז די טעמע פון מערסטנס פון די וועלט'ס ליטעראטור געווען צו באשמוצן, צו דערנידערן, צו פארשעמען דאס אידישע פאלק. מיר האבן געליטן פון חרפת נבל דורכאויס אלע תקופות; לאנג פאר די קריסטן זענען אויפגעקומען, איבער די גאנצע וועלט. אויב ליינט איר אינעם ספר 'קאנטרע אפיון' פון יוסיפון, רעכנט ער אויס אלע פארצייטישע אנטיסעמיטן פון גריכנלאנד. די גריכן האבן געשריבן ביכער פול מיט שנאה קעגן די אידן, אלע סארטן פאלשקייטן און נארישע ליגנטס. און עס האט משפיע געווען, מיינט נישט אז עס האט נישט געמאכט זייער וועג אראפ ביז היינט.

אויב האט איר פונקט א "ראגעט'ס סינאנים ווערטער בוך"; ס'איז א בוך מיט ענגלישע ווערטער און זייערע סינאנים ווערטער, אן אומשולדיגע בוך וואס העלפט טרעפן אן אויסוואל פון ווערטער - א סינאנים ווערטער בוך (thesaurus) ווערט גענוצט ביי יעדן וואס שרייבט; איר ווילט טרעפן אן אנדער ווארט וואס איר קענט ניצן אנשטאט די ווארט, דאן קוקט איר אינעם סינאנים ווערטער בוך.

איך האב געקויפט א "ראגעט'ס סינאנים ווערטער בוך" בערך 67 יאר צוריק. אינעווייניג איז געשטאנען אזוי: אונטער דאס ווארט 'איד' זענען געשטאנען סינאנים ווערטער. איר קוקט אויף דאס ווארט איד און איר זעט די סינאנים ווערטער פאר איד איז: אפנארער, שווינדלער, פאפער, אומזיכערער, עגאאיסטיש, געלט-גייציג. בערך פינף אדער זעקס שילדערונגען דארט, אלעס זייער פאזיטיוו אויף דאס אידישע פאלק. אויך דאס פארקערטע. אויב וויל איינער אן אנדער ווארט פאר שווינדל; לאמיר זאגן ער וויל זאגן, "דער מענטש איז א שווינדלער," זאל ער נישט זאגן "ער איז א שווינדלער," ער זאל זאגן, "ער איז א איד." זאגט נישט "ער איז א פאפער," זאגט "ער איז א איד." דאס באדייט א סינאנים.

לעצטנס האבן זיי עס געטוישט. ממש לעצטנס. ווייל נאך אלעם איז עס צופיל צו זאגן היינט. מען דארף היינט ווייזן אז מ'איז אנשטענדיג, אז מ'איז דעמאקראטיש. אבער אין מיין אויפלאגע שטייט עס נאך אפן.

## באהאלטענע אנטיסעמיטן

היינט ב"ה אין אמעריקע, איז נאך אלץ אין די מאדע נישט צו רעדן קעגן אידן. נישט צוליב א ספעציעלע ליבשאפט פאר אידן. ס'איז אן אמעריקאנע טראדיציע אז עס ווערט באטראכט נישט אנשטענדיג צו אטאקירן סיי וועלכע אינדיווידועלע מענטשן; אפילו די שווארצע, וואס זענען געווען שקלאפן נישט אזוי לאנג צוריק. איך דארף נישט זאגן, "אפילו די שווארצע" - שווארצע האבן זיכער

עררייכט די גרעסטע אנערקענונג היינט. הלואי זאלן אידן באהאנדלט ווערן ווי די שווארצע - מיר וועלן זיין גליקליך.

אבער מיינט נישט אז דער קאנגרעסלייט און די סענעטארן וואס רעדן אזוי איידל איבער דאס אידישע פאלק האבן סיי וואספארא אינטערעסע אין זיי. אין הארץ האבן די גוים פיינט אידן. און ווען איר לאדנט איין א קאנגרעסמאן וואס וויל קומען און זאגן קאמפלימענטן, קענט איר זיין 100% זיכער אז עס איז נישט אויפריכטיג. ווען ער קומט אהיים, איז עס, "די פארשאלטענע אידן." האט נישט קיין ספיקות איבער דעם. ער קען דאס נישט העלפן. דאס איז זיין מאמע-מילך און דאס איז ווי אזוי זיינע קינדער און אייניקלעך וועלן פארזעצן צו רעדן. מיר האפן נאר אז דער באשעפער זאל העלפן עס זאל פארזעצן בלויז אין געהיים, נישט אין די עפנטליכקייט.

## דער גוי'שער יצר הרע

אלזא, פארוואס איז עס קעגן די אידן? ס'איז נישטא קיינעם אנדערש וועמען צו פיינט האבן? און דער ענטפער איז, אז זיי ווערן גענוצט אלס א געצייג דורך דעם יצר הרע זיך צו שלאגן קעגן דער צווייטער וויכטיגסטער ענין אין די תורה, די נקודה פון 'מי כעמך ישראל'. און ווען איר גייט אויפ'ן גאס און איינער זאגט, "שמוציגער איד," דארפט איר וויסן, ער זאגט נישט, "שמוציגער שווארצער," אדער "שמוציגער כינעזער," אדער "שמוציגער פאטריקאנער." ניין. נאר די אידן זענען שמוציג. איר ווייסט פארוואס עס איז אזוי? ווייל די אידן זענען די ריינסטע, מיט דאס גרעסטע שלימות, דער **כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַה' אֱלֹקֶיךָ**. איר זענט א הייליג פאלק. און ווייל מיר זענען די אויסדערוועלטע, דאס איז פארוואס דער יצר הרע פראבירט זיין בעסטע קעגן אונז!

פונדעסטוועגן, וועלן מיר יעצט לאזן אין די זייט די פעלקער און מיר וועלן נאכקוקן די פיסטריט פון דעם יצר הרע. אויב קוקט איר אריין אין מסכתא סוכה וועט איר זען א מערקווירדיגער אויסדריק. עס שטייט דארט אזוי: **מַנִּיחַ אֶת אוּמּוֹת הָעוֹלָם** - דער יצר הרע גייט אוועק פון די גוים, **וּמִתְגָּרֶה בְּיִשְׂרָאֵל** - און ער רייצט זיך מיט די אידן.

דאס מיינט נישט אז די גוים האבן נישט קיין יצר הרע. ער איז פארנומען מיט זיי אויך. ער איז אייביג געווען. דער יצר הרע שטייט הינטער אלע אפגעגאלטע קעפ, ער שטייט הינטער אלע ווייסע סופרעמעסיסטען. ער שטייט אויך הינטער זשעסי זשעקסאן. ער איז א גאנצע צייט פארנומען צווישן די גוים. אבער ער דארף נישט צופיל זארגן איבער זיי - זיי געבן זיך אליין אן עצה; זיי שטעלן צו זייער אייגענער יצר הרע.

## אידישע אנטיסעמיטן

אבער סיי וואס ער טוט ביי די גוים, דאס איז נאר א קליינער טייל פון זיינע מעשים. נישט דאס איז זיין הצלחה. דער יצר הרע איז מוותר אויף די פעלקער פון די וועלט און ער זאגט, "מיין עיקר ארבעט וועל איך ווידמען אויף די אידן." דער יצר הרע איז אממערסנטס טעטיג צווישן אידן און זיין געוואלדיגע הצלחה איז אויב ער קען אריינדרינגען אין אידישע מוחות זיי צו מאכן ווערן אנטיסעמיטן.

און איך וויל אייך זאגן - ער איז מצליח! ער איז אזוי גוט מצליח אז זייער פיל אידן פון די שוואכערע סארט האבן זיך אונטערגעגעבן צו אים. און דאס איז פארוואס אומרעליגיעזע אידן ווערן גרויסע אנטיסעמיטן.

וואס האט פאסירט אין קראון הייטס? ווער זענען געווען די וועלכע האבן געשילדערט די שווארצע מיט די בעסטע אויסדריקן? די גוי'שע צייטונגען? ניין. צייטונגען וואס געהערן צו אידן. ווען עס איז געווען דער פאגראם אין קראון הייטס, האבן די גרויסע אידישע ארגאניזאציעס נישט געעפנט זייערע מיילער -

זיי האבן נישט געזאגט א ווארט. די שווארצע קענען נישט טון קיין שלעכטס. יא, די אידן - ווער הייסט זיי זיך קליידן אין אזא וועג אז זיי זעען אויס אנדערש? די שווארצע קענען אנהאבן אלע סארטן קליידונג - אבער א איד וואס וויל אנטון א שווארצע הוט, ער ווערט באשולדיגט פאר'ן אויסזען אנדערש.

אומרעליגיעזע אידן האבן זיך צוגעהערט צו דעם פלייץ פון אנטיסעמיטיזם און זיי שעמען זיך צו זיין אידן. אומרעליגיעזע אידן האבן פיינט פרומע אידן ווייל זיי זענען פאר'סמ'ט מיט אנטיסעמיטיזם. דאס איז זייער לוי'; דאס איז וואס פאסירט מיט שוואכלינגען.

## א געשפעט פונעם "אידל"

איך בין געגאנגען אין גאס עטליכע יאר צוריק אויף אושען פארקוועי, שבת פאר'ן דאווענען, און א גרופע אידישע יונגען פון ארום צוואנציג יאר אלט האבן שפאצירט אויפ'ן גאס מיט א בעסקעטבאל (שיס-טאבע) און איינער פון זיי האט געזאגט צו מיר, "אידל!"

איך האב געטראכט, 'און וואס זענט איר?'

אלזא, קיין שום גוי האט מיר נאך קיינמאל נישט אנגערופן אויף אושען פארקוועי מיט דאס ווארט 'אידל' אדער 'זשו (איד)'. איך האב געשפאנט אויף אושען פארקוועי דורכאויס צוועלף יאר - עס האט קיינמאל נישט פאסירט אז א גוי זאל מיר אנרופן 'איד'. דער איינציגער וואס האט מיר אזוי אנגערופן איז געווען א אידישער יונג. ער האט מיר גערופן 'אידל'.

אלזא, ווי אזוי האט דאס פאסירט? נאך אלעם, דער פארגרעבטער איד ווערט אויך באשולדיגט און פארשעמט דורך גוים. ער וואלט געדארפט פילן א געוויסע ברודערשאפט מיט אנדערע אידן. אבער עס מאכט נישט אויס, דער חרפת נבל האט דורכגעמאכט זיין וועג אויף די שוואכלינגען.

## ער איז זייער מאכטפול

אבער מיר דארפן אנערקענען אז עס איז אביסל מער ווייטאגליך ווי דאס. ווייל עס איז אויך אונז! דער חרפת נבל אויף וואס יוסף האט געדאווענט צו זיין באשיצט קעגן דעם, דער געפאר פון ווערן פארנארט, איז א געפאר אויף אלע פון אונז. אפילו די פרומע זענען קרבנות צו דעם יצר הרע. און מיר טארן נישט אונטערשאצן דעם כח פון דעם יצר הרע ווייל ער איז זייער מאכטפול און יעדער קען לייכט פארכאפט ווערן אין דעם גאנג. מיר זענען פראדוקטן פון אונזער סביבה און אונזער סביבה איז אנטי-אידיש און אנטי-תורה. און ווען מיר זאגן "אונזער" מיינט עס אפילו די וועלכע האבן די זכי' צו זיצן א גאנצן טאג אין כולל - ווייל מיר קענען זיך נישט אינגאנצן איזאלירן פון די דרויסנדיגע וועלט.

און דערפאר דארפן מיר וויסן אז דער יצר הרע; אויף וויפיל ער פארלייגט זיך אויף די גוים, פארלייגט ער זיך מער אויף אונז, צו מאכן מיר זאלן זיך אליין נישט ליב האבן. אודאי, נישט פרומע מענטשן קענען רעאגירן אין מער נישט פרומע וועגן אבער דאך איז דער יצר הרע **מַנִּיחַ אֶת אוּמּוֹת הָעוֹלָם וּמִתְגָּרֶה בְּיִשְׂרָאֵל** - ער אטאקירט פרומע מענטשן און מאכט זאכן שווער פאר זיי; זיי הייבן אן צו זען אלע גוטע זאכן אין די דרויסנדיגע וועלט, און אינעווייניג, ביים אידישן פאלק, איז נאר דא קריטיק.

# חלק ד. די נידעריגע גריכן

## דער אנהייב פון די מעשה

און דאס ברענגט אונז צו די מעשה פון חנוכה. אצינד לייגט צו קאפ, **מַאי חֲנֻכָּה** - וואס איז חנוכה? ווייסט יעדער איינער אז עס איז געווען **יְוָנִים נִקְבְּצוּ עָלַי** - די גריכן זענען זיך צוזאמגעקומען קעגן אונז. זיי האבן פראבירט אונז אונטערצודריקן.

אבער איך מוז אייך עפעס ערקלערן. די הייליגע חכמים וועלכע האבן אויסגעשטעלט אונזערע תפילות, זיי האבן געהיטן אויפ'ן כבוד פון דאס אידישע פאלק, דערפאר האבן זיי נישט ארויסגעזאגט דעם אמת אזוי אפן. זיי האבן עס אויסגעשטעלט עס זאל אויסזען ווי גוים זענען געקומען און געמאכט אלע צרות. אבער באמת ווער זענען געווען די זֵדִים בְּיַד עוֹסְקֵי תוֹרָתֶךָ? ווער זענען געווען די רְשָׁעִים בְּיַד צַדִּיקִים? איך וועל אייך אצינד מגלה זיין א סוד; זיי זענען געווען אידן. זיי זענען געווען אונזערע פיינט. עס איז נישט געווען בלויז די יוונים. די גאנצע מעשה פון חנוכה האט זיך אנגעהויבן דורך זינדיגע אידן. די מעשה הייבט זיך אן זייער אנדערש פון וואס איר האט געמיינט.

אט איז וואס די מעשה איז געווען. אין יענע צייטן איז מצרים געווען א גריכישע פראווינץ, וואס זיי האבן געהערשט איבער ארץ ישראל און דער כהן גדול - זיין נאמען איז געווען שמעון בן חוניו - האט געדארפט צוזאמנעמען די שטייערן פון דאס אידישע פאלק און עס באצאלן פאר דער מצרי'שער קעניג.

למעשה צו צוזאמנעמען שטייערן, ווייסט איר, איז א זייער נישט געשמאקע געשעפט. מ'דארף קומען צו די אידן און זיי צווינגען צו באצאלן. און ס'איז נישט געווען לייכט. דער האט געזאגט, "קוק, איך האב נישט יעצט קיין געלט, קום די קומענדיגע וואך." דער אנדערער איז קיינמאל נישט געווען אינדערהיים. און יענער האט נישט געגעבן דעם פולן סכום.

## דער טיכטיגער פלומעניק

אבער דער קעניג ווארט און קעניגן נעמען נישט אן קיין תירוצים. און דערפאר איז וויכטיג צו זיין שטרענג. מ'דארף באשטראפן. מ'דארף סטראשענען. מ'דארף קנס'נען. מ'דארף אויך שלאגן. דאס איז דער איינציגסטער וועגן ווי אזוי מ'קען איינקאסירן די שטייערן. אבער דער כהן גדול איז געווען א שוואכער מענטש; ער איז געווען א גוטהארציגער מענטש און ער איז געווען א דורכפאל ביים איינקאסירן די שטייערן.

איז דער קעניג פון מצרים געווארן בייז און ער האט געזאגט, "אויב וועט איר נישט באצאלן די שטייערן ביז דעם-און-דעם דאטום, וועל איך נעמען גאנץ ארץ ישראל און איך וועל איינטיילן דאס גאנצע לאנד צווישן די סאלדאטן פון מיין ארמיי און זיי וועלן אייך ארויסווארפן."

ווען די מענטשן האבן דאס געהערט, איז אנטשטאנען א גרויסער טומל. יעדער איז אויפגערודערט געווארן - א קאטאסטראפע חס ושלום! זיי האבן אנגעהויבן לויפן צום כהן גדול, "פארוואס טוט איר נישט עפעס? פארוואס ראטעוועט איר אונז נישט?" זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טון.

דער שמעון בן חוניו האט געהאט א פלומעניק מיט'ן נאמען יוסף בן טוביה. דער פלומעניק איז נישט געווען קיין גרויסער צדיק. ער איז געווען א פאליטיקאנט, נישט אזא פרומער מענטש. ער פלעגט באזוכן מצרים סיי ווען ער האט געקענט. ער איז געווען פארליבט אין די גריכישע קולטור און ער איז אויסגעגאנגען דערפאר. איך וועל אייך נישט דערציילן איבער די זאכן וואס ער האט געטון אין מצרים אבער וואס ער האט געטון דארט איז נישט קיין צו גרויסער זכות אויף אים. אבער ער איז געווען נאנט מיט דאס מצרי'שע קעניגליכע הויז און דערפאר האט ער געזאגט פאר זיין פעטער דער כהן גדול, "לאז מיר מסדר זיין די שטייערן פאר דיר. זארג נישט - איך וועל עס באהאנדלען."

## די גריכישע אידן

דאן איז יוסף בן טוביה געגאנגען צום קעניג פון מצרים און ער האט געזאגט, "פארקויף מיר דאס רעכט צו איינקאסירן די שטייערן. איך וועל דיר געבן א סכום געלט - סיי וויפיל דו פארלאנגסט - און לאז מיר איינקאסירן די שטייערן פאר מיר אליין." דאס ווערט גערופן 'אויסקויפן די שטייערן'. אין יענע טעג

פלעגט מען דאס טון. דער קעניג איז געווען פרייליך מיט'ן פלאן און אזוי איז יוסף בן טוביה געגאנגען און אים באצאלט א גרויסן סכום געלט און יעצט איז דער מתיוון, דער פארליבטער אין די גריכן, געווארן בעל הבית איבער ארץ ישראל.

אצינד הערט צו וואס עס האט פאסירט דורכאויס די קומענדיגע פערציג יאר. ער האט נישט געקענט איינקאסירן די שטייערן אליין, האט ער אויפגעשטעלט קאנצעלייען איבער גאנץ ארץ ישראל. ער האט אויפגענומען שטייער איינקאסירערס לענגאויס גאנץ ארץ ישראל, וואס זיי זענען גערופן געווארן "מכסין"; מענטשן ווען'ס אויפגאבע איז געווען צו צווינגען די מענטשן צו באצאלן די שטייערן.

אבער די שטייער איז נישט געווען דאס ערגסטע פון אלעם. די דאזיגע מענטשן זענען געווען אזוי ווי אים. ער האט נישט אויסגעוועלט תלמידי חכמים. ער האט אויסגעוועלט הארטנעקיגע מענטשן - נישט קיין פרומע; מענטשן וואס זענען שוין צוזאמגעפאלן אונטער'ן דרוק פון חרפת נבל, פון א גריכישע קולטור, א "פארגעשריטענע" קולטור וואס האט זיי געמאכט שפירן מינדערוויכטיג.

## דער אנטיכוס אפיפנס - אפימנס

אין א תקופה פון פערציג יאר האט זיך די גרופע פילפאכיג פארמערט. שפעטער האבן זיי געזען פאר א געלעגנהייט צו ערדרייכן נאכמער מאכט, ווייל ארץ ישראל איז געפאלן אונטער די הערשאפט פון סיריע אנשטאט מצרים. צוערשט איז דער קעניג פון סיריע געווען אן אנשטענדיגער מענטש און ער האט געלאזט די אידן היטן זייערע מצוות אבער אט איז געקומען א צייט ווען ער איז געשטארבן און אויף זיין ארט איז אויפגעקומען א קאלטער און זינדיגער מענטש וואס האט איבערגענומען דעם טראן - אנטיוכוס אפיפנס. דאס איז א גריכישע ווארט, אפיפנס; עס מיינט "דער שיינער" - ער האט זיך אליין גערופן א שיינער. די אידן האבן אים גערופן "אפימנס". אפימנס מיינט זייער אן אנדערער סארט נאמען, עפעס נישט אזוי שיין. אבער סיי וואס זיין נאמען איז געווען, איז ער יעצט געווארן קעניג.

און די מתיוונים האבן געזען אז ער איז דער מענטש צו וועמען מען קען רעדן. א נידריגער כאראקטער און אן אינטריגער. און מער פון אלעם איז ער געווען א געלט-גייציגער. האבן זיי געשיקט צו אים א שליח און זיי האבן אים געזאגט, "דו ווייסט אז עס איז דא א ריזיגער סכום געלט - מיליאנען און מיליאנען פון שקלים - אנגעזאמלט אינעם בית המקדש אין ירושלים? פארוואס זאלסטו דאס נישט באקומען?"

דער בית המקדש איז אין יענע טעג געווען דער צענטער פונקט פון דאס פאלק און אסאך געלט איז דארט געווען אוועקגעלייגט. עס זענען נישט געווען קיין בענק. אויב א מענטש איז געשטארבן, האט ער איבערגעלאזט זיין גאנץ פארמעגן אין די הענט פון די כהנים. עס איז אויך געווען אסאך געלט אין בית המקדש וואס מען האט געהאלטן אין פארזיכערונג פאר פארשידענע יורשים און יתומים. אויסערדעם, איז יעדע יאר אריינגעקומען דער מחצית השקל. פון איבער די גאנצע וועלט האבן אידן געשיקט א מחצית השקל קיין ירושלים.

## דער זינדיגער כהן גדול

די מתיוונים האבן דורכאויס די גאנצע צייט געוואלט איבערנעמען די מאכט איבער דעם בית המקדש, אבער די פרומע כהנים האבן זיי נישט געלאזט. זיי האבן זיך קעגנגעשטעלט. אבער יעצט האבן די מתיוונים געזען זייער געלעגנהייט צו איבערנעמען די פירערשאפט איבער דעם בית המקדש. למעשה, צו אונז זעט עס אויס מאדנע - דער בית המקדש?! וואספארא געשעפטן האבן די וואס פראבירען צו זיין סירישע גריכן מיט דעם בית המקדש?

דער ענטפער איז אז עס האט געמיינט מאכט און כבוד. און דורך די כבוד קענען זיי אריינכאפן נאכמער

אידן אונטער זייער השפעה, מער אידן וואס קענען ווערן געדריקט אראפצוקוקן אויף זיך אליין און נאכמאכן די מאדערנע קולטור.

און אזוי האבן זיי דערציילט פאר אנטיוכוס איבער דאס פארמעגן אין דעם בית המקדש און ער איז געווארן אנגערייצט צו באקומען דאס געלט. און דערפאר האט ער געזען דערצו אז איינער פון די רשעים זאלן אויפגענומען ווערן אלס כהן גדול. שטעלט זיך פאר, א רשע פון די מתיוונים איז געווארן דער כהן גדול.

און דערמיט האט ער געגעבן פאר די מתיוונים נאכמער מאכט איבער די מענטשן. זיי זענען געווען בלויז א קליינע מינדערהייט, אבער דאך איז עס געווען א שטארקע מאכטפולע מינדערהייט. זיי האבן געהאט דעם בית המקדש; זיי האבן געהאט די כבוד. זיי האבן געהאט דאס ווארט; זיי זענען געווען די וועלכע האבן געהאט וואס צו זאגן איבער די הערשאפט.

## א פרעמדע קולטור

און אזוי, איז אצינד א נייער קלאס פון מענטשן אויפגעקומען ביי דאס אידישע פאלק, אידן וואס האבן אראפגעקוקט אויף זיך אליין. זיי זענען געפארן קיין מצרים, און זיי זענען באאיינפלוסט געווארן דורך סירישע-גריכישע געדאנקען, אז די אידן זענען די צוריקגעבליבענע. די גריכן זענען דאן געווען פארשפרייט איבער די גאנצע וועלט און די גריכן האבן געהאט בילדונג. זיי זענען געווען וויסנשאפטלער און מייסטער ארכיטעקטער. זיי האבן אויפגעבויעט בנינים וואס זענען געווען א פראכט צום באוואונדערן. וואו אימער מען איז געגאנגען האט מען געקענט זען די רעזולטאטן פון די געוואלדיגע פארגעשריטנקייט און דערפאר זענען זיי געפאלן אלס קרבנות צו די גריכישע קולטור. דאס איז וואס עס האט פאסירט אין יענע צייטן. זיי זענען געווען פארקויפט פאר די גריכישע פירונגען.

א נייע עפאכע האט זיך אנגעפאנגען און זיי האבן אנגעהויבן ברענגען דרויסנדיגע געדאנקען קיין ארץ ישראל. די רשעים האבן אנגעהויבן איבערנעמען. די דאזיגע מענטשן, די מוכסים פון יוסף בן טוביה'ס פאמיליע און אלע זיינע פריינט און פארבינדעטע, זענען אצינד געווארן מתיוונים - העלעניסטן - דאס מיינט מענטשן וואס האבן ליבן די גריכישע געדאנקען - גריכישע בילדונג, גריכישע וועגן, מענטשן וואס האבן, אזוי ווי אים, אראפגעקוקט אויף זיך אליין; זיי זענען געווען אנטציקט איבער דער העכערער קלאס מצריים, זיי האבן ליב געהאט טעאטערס. אידן האבן קיינמאל פריער נישט געהאט קיין טעאטערס. זיי האבן ליב געהאט אונטערהאלטונג. זיי האבן ליב געהאט נאכט-פארברענגעכצער.

איר ווייסט, ווען טעדי קאלעק איז באזיגט געווארן אלס מעיאר פון ירושלים, די וועלכע זענען די מערסטע געזעסן 'שבעה' נאך אים זענען געווען די 'ניו יארק טיימס' צייטונג. די ניו יארק טיימס איז געזעסן שבעה נאך אים, "איי, איי, איי, וואס ירושלים האט פארלוירן!" זיי האבן אים אויסגעלויבט פאר די גוטע זאכן וואס ער האט געטון פאר ירושלים. "ווען ער איז געווען אין די מאכט, האט עס אנגעהויבן ווערן א מאדערנע שטאט און עס איז שוין אפילו געווען נאכט-פארברענגונג אין ירושלים," האבן זיי געזאגט. איר הערט אט די לויב אויף אים - אביסל נאכט-פארברענגונג האט זיך אויך אנגעהויבן אנטוויקלען אין ירושלים און יעצט, נעבעך, ער איז באזיגט געווארן. דאס איז וואס זיי ווילן אין ירושלים עיר הקודש - נאכט-פארברענגונג.

## די מרידה

און עס זענען געווען די חשמונאים וועלכע האבן געזאגט, "ניין!" דאס איז וואס האט אונז געראטעוועט. נישט נאר האבן זיי געזאגט ניין; זיי האבן עס געזאגט מיט שטאלץ. "ס'איז גארנישט דא וואס צו קוקן דארט ביי די יוונים. אלע גוטס געפינט זיך שוין ביי אונז."

און אזוי, ווען די מתיוונים זענען געקומען צו אלע שטעטלעך און אויפגעשטעלט במות און גערופן די שטאטלייט צו קומען זיין אנוועזנד ווען מען וועט מקריב זיין דעם ערשטן קרבן פאר די עבודה זרה, זיי האבן געוואלט מאכן א דעמאנסטראציע אין יעדע שטעטל אז די נייע קולטור האט איבערגעוועלטיגט, זענען אבער געוועזן געוויסע וועלכע זענען נישט אפגעשוואכט געווארן.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו דאס שטעטל פון מתתיהו, איז ער געקומען זען וואס עס גייט פאר און ער האט געזען ווי זיי מאכן זיך גרייט צו מקריב זיין א תקרובת, א קרבן פאר די עבודה זרה, האט ער פארשטאנען ווי ווייט דער חרפת נבל האט דערגרייכט. אידן זענען געווען גרייט צו אויפגעבן אלעס פאר די נייע קולטור. און דאן האט מתתיהו ארויסגעשלעפט זיין שווערד פון אונטער זיין מאנטל און ער האט עס אריינגעשטאכן אין דאס הארץ פון דעם ערשטן מענטשן וועלכער האט פראבירט צו מקריב זיין דעם קרבן. און דאן האט ער אויך גע'הרג'ט דעם גריכישן אפיציר.

איר ווייסט וואס דאס מיינט? דאס מיינט אז מען זוכט זיך צרות, באלדיגע צרות. און דאן האט ער אויפגעהויבן זיין האנט און געזאגט, "אויב זענט איר מיט מיר, לאמיר אוועקלויפן; אלע פון אונז, און מיר וועלן זיך באהאלטן פון די גוים און אונזערע קאלאבערירנדע ברידער." אזוי איז ער אנטלאפן צווישן די בערג, אין מערות, און די מרידה איז געווען אין שוואונג.

## די חנוכה מעשה

וואס עס האט דאן פאסירט איז זייער טרויעריג. ווען דער קעניג האט דאס געהערט, האט ער געשיקט אן ארמיי זיי צו כאפן און זיי זענען נאכגעיאגט געווארן אין די מערות. טויזנטער אידן האבן זיך באהאלטן פון די גריכן כדי צו היטן די תורה. פיל מערות אנגעפילט מיט ערליכע אידן זענען אונטערגעצונדן געווארן דורך די סאלדאטן און די אידן זענען דארט פארברענט געווארן. בלוט האט זיך אנגעהויבן גיסן ווי וואסער ווייל זיי האבן זיך נישט געוואלט אונטערגעבן צו די יוונים.

דאס איז ווי אזוי די מעשה פון חנוכה האט זיך אנגעהויבן. ס'איז דא א לאנגע מעשה צו דערציילן דא. עס האט נישט פאסירט אזוי לייכט - עס האט פאסירט מיט ניסים און ניסים. ענדליך, ענדליך, האט דער באשעפער געהאלפן מתתיהו און ער האט פארטריבן די יוונים. די יוונים פון סיריע האבן צווישן זיך אליין אויך געפירט א גרויסע מרידה און זיי האבן געהאט פראבלעמען צווישן זיך. דאס איז אלעס געווען מיט די השגחה פון באשעפער צו העלפן די וועלכע האבן זיך ארויסגעשטעלט פאר זיינעט וועגן.

יעדער ווייסט מער ווייניגער די ווייטערדיגע מעשה, וואס איך וועל יעצט נישט דערציילן. אבער לאמיר אצינד צוריקגיין צום אנפאנג און געדענקען אז אלעס האט זיך אנגעהויבן מיט מענטשן וואס זענען פארנארט געווארן צו נישט שעצן דאס תורה'דיגע פאלק; זיי זענען פארנארט געווארן אראפצוקוקן אויף זיך אליין; נישט ווייל ס'איז געווען עפעס בעסער אידרויסן; ס'איז געווען ווייל זיי זענען געווען פארנארט. די שוואכלינגען זענען פארנארט געווארן דורך דעם יצר הרע פון חרפת נבל.

## דער חנוכה נס

איז אלזא, די גרויסע לערע פון חנוכה איז, אז די מענטשן וועלכע האבן אונז גורם געווען די גרעסטע צרות זענען געווען די מתיוונים, די וועלכע האבן זיך פארליבט אין די גריכישע קולטור צוליב די חרפת נבל. און זיי האבן אנגעהויבן אראפצוקוקן אויף די אנדערע אידן - זיי האבן געטראפן פעלערס אין זייער אייגענע פאלק. זיי האבן זיי דערנידערט און קריטיקירט. די שוואכע אידן וועלכע זענען פארנארט געווארן דורך די חרפת נבל זענען געווען די וועלכע האבן געברענגט א חורבן אויף אונזער פאלק.

און עס איז געווען די וועלכע האבן געהאט א רוקנביין, די וועלכע האבן געשעצט די גרויסקייט פון דאס אידישע פאלק, די וועלכע האבן פארשטאנען אז עס איז נישטא וואס צו זען דארט, די דאזיגע זענען

געווען די וועלכע האבן געברענגט די ישועה. זיי זענען אויפגעשטאנען קעגן די אלע פוטיפר'ס וואס האבן באשאטן זידלערייען אויף די "שמוציגע אידן," "דער נידעריגער עברי". און ווייל זיי האבן זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון די חרפת נבל פון די יוונים און מתיוונים, דאס איז פארוואס דער באשעפער האט זיך אנגענומען פאר זיי.

דער נס פון חנוכה האט פאסירט ווייל עס זענען געווען געוויסע וועלכע זענען אויפגעשטאנען און געזאגט, "ניין! מיר וועלן זיך נישט בייגן פאר די חרפת נבל פון די דרויסנדיגע וועלט און די וואקלדיגע אידן וואס האבן נישט קיין שום רוקנביין. די גאנצע גרויסקייט געפינט זיך ביי אונז, דאס גאנצע שלימות איז אין א תורה'דיגע לעבן, און מיר וועלן אלעס אויפגעבן דערפאר." דאס איז וואס זיי האבן געטון; און דאס איז פארוואס זיי האבן זוכה געווען צו וואונדערליכע נצחונות. און ענדליך, נאך פיל יארן, האט מתתיהו געקענט אריינגיין קיין ירושלים און מען האט באנייט דעם בית המקדש און אנגעצונדן די נרות און דער גרויסער נס האט זיך אפגעשפילט אין דעם איבעריגן טייל חנוכה.

# חלק ה. די דערנידערטע זענען שיין

## די אויפגאבע אום חנוכה

און אזוי קומען מיר אצינד צו איינע פון די וויכטיגסטע לערעס וואס חנוכה דערציילט אונז. חנוכה זענען מיר ערוואַרטעט צו שטייגן אסאך אין דעם קאמף קעגן דעם יצר הרע וואס האט גורם געווען די צרות פון חנוכה. דאס מיינט אז מיר דארפן אנהייבן אויסצוגיין פאר ליבשאפט פאר דאס אידישע פאלק - דאס איז וואס חנוכה קומט אונז לערנען. און אויב מיר ווערן נישט פארנומען מיט דורכלערנען דעם אמת פון די תורה, דאן פריער אדער שפעטער וועט דער יצר הרע באזיגן און מיר וועלן אריינפאלן אין דעם טעות פון די אמאליגע מתיוונים.

און מיינט נישט אז עס איז א קליינער טעות. דאס איז איינע פון די גרעסטע טעותים, איינע פון די ערגסטע זינד; דערמיט איז מען זיך סותר מיט'ן באשעפער! ער זאגט, **מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ** - ווער איז אזוי ווי דיר, אידן, איין פאלק אין די וועלט. דאס מיינט אז קיינער פארגלייכט זיך נישט צו אונז. 'אונז' מיינט די פרומע אידן. די אומרעליגיעזע אידן ווערן נישט גערעכנט; זיי זענען ווי גוים. אבער די ערליכע אידן, די שומרי שבת, די פרומע קהילות, אלע פרומע אידן פון היינט, ווער קען זיך פארגלייכן צו זיי? ס'איז נישטא קיין אופן ווי אזוי סיי ווער זאל זיך קענען פארגלייכן צו זיי. דאס איז וואס דער באשעפער זאגט און אט קומט איינער צוגיין מיט דעם יצר הרע און ער ווייסט נישט, ער איז נישט אזוי זיכער.

און אזוי קומט צו גיין חנוכה און דערמאנט אונז אז מיר דארפן אריינגעמען דעם ענין אין אונזערע קעפ. אז נישט וועט איר אנצינדן די לעכט, איר וועט גיין צו מסיבות און זאגן דברי תורה - זייער גוט, גאר גוט; אבער איר וועט פארגעסן פון איינע פון די וויכטיגסטע צוועקן פון דעם יום טוב - איר דארפט אנערקענען אז די גאנצע גרויסקייט, דאס גאנצע שלימות, געפינט זיך בלויז ביי דאס אידישע פאלק.

## דער הייליגער ספר

אצינד איז די שאלה - ווי אזוי טוט מען דאס? איז דארפט איר לערנען; איר דארפט עפענען דעם ריכטיגן ספר. איר ווייסט וואו איר וועט טרעפן א ספר, א מקור, צו פארשטיין אונזער פאלק? ס'איז דא איין פלאץ. דאס איז שיר השירים.

דער הייליגער תנא רבי עקיבא האט זיך אמאל אויסגעדריקט אז שיר השירים איז קודש קדשים. ער

האט געזאגט (משנה ידים ג:ה), "כל הספרים קודש - אלע כתבי קודש זענען הייליג - ושיר השירים קודש קדשים - אבער שיר השירים איז הייליג פון די הייליגע."

אלזא, דאס איז שווער צו פארשטיין. איז דען דא עפעס הייליגער ווי די תורה אליין? ווי אזוי קען רבי עקיבא זאגן אז שיר השירים איז קודש קדשים, הייליגער ווי סיי וועלכער אנדערער ספר?

און דער ענטפער איז: אין שיר השירים איז נישטא קיין איין ווארט לגנאי אויף דאס אידישע פאלק. גארנישט אויסער לויב. די תורה איז פול מיט קריטיק. דער נביא, אלע ספרי נבואה טוען אונז נאכאנאנד מוסר'ן. קריטיק איז זייער גוט. עס מאכט א מענטש בעסער. און דאס איז פארוואס דער גאנג פון די תורה איז צו טרעפן די פעלערס אין אונז; דאס איז פארוואס די אלע נביאים האבן געטראפן די פעלערס אין אונז - ווייל זיי האבן געוואלט מיר זאלן ווערן בעסער.

אבער אט קומט צו גיין דער שיר השירים און וואס זאגט דער באשעפער אין דעם ספר? שיר השירים, ווייסט איר, איז א פאעטישער צוזאמשטעל; א מעשה פון א יונגער מענטש וואס האט א באליבטע כלה און ער רעדט פון אירע מעלות, פון איר שיינקייט און אזוי ווייטער. און ער רופט איר, "הַיָּפָה בַּנָּשִׁים, די שענסטע פון צווישן די פרויען."

## עס לוינט צו באלעבן

אלזא, ווער איז דער יונגער מענטש? דער באשעפער. און די יונגע פרוי, זיין כלה, איז דאס אידישע פאלק. און ער זאגט, "זי איז די שענסטע פון אלע פעלקער פון די וועלט." דאס איז וואס דער באשעפער זאגט. "יָפָה אַתְּ רַעְיָתִי - דו ביסט מיין הערליכע, מיין פריינד." יָפָה אַתְּ - נאר דו ביסט הערליך! דאס מיינט דו. אַתְּ איז א לשון מיעוט, עס לאזט אויס אלע אנדערע; קיינער איז נישט שיין אויף די וועלט, נאר דו. און דאס ווערט איבערגע'חזר'ט נאכאמאל און נאכאמאל.

למעשה, מערסטנס מענטשן נעמען נישט די מי עס צו לערנען. זיי הערן עס אפשר איינמאל א יאר אין שול און דאס איז עס. ווען איך בין געווען א אינגל, בין איך יעדן פרייטאג געגאנגען אין שול פאר יעדער איז אנגעקומען. איך בין געווען אליין. נאר דער שמש איז דארט געזעסן אין פארנט. פרייטאג נאכמיטאג האט דער שמש אויסגעקערט די שול, ער האט עס אינגאנצן אויפגערוימט, אהיימגעגאנגען, אנגעטון די בגדי שבת און דאן איז ער צוריקגעקומען אין שול די ערשטע. און ער פלעגט זיך אראפזעצן און זינגען שיר השירים. איך האב עס אויך געוואלט טון. איך בין געווען אליין זיצנדיג פון הינטן, א קליינער אינגל; ער איז געווען אינגאנצן אין פארנט. איך בין דארט געזעסן און געטון דאס זעלבע וואס ער האט געטון. איך האב געזאגט די גאנצע שיר השירים יעדן פרייטאג נאכמיטאג. **שִׁיר הַשִּׁירִים אֲשֶׁר לִשְׁלֹמֹה**. אהא! ווי הערליך איז דער ניגון.

איך האב זיך געלערנט ליב צו האבן שיר השירים. ס'איז א באלעבונג! דו לערנסט זיך ליב צו האבן דיין פאלק פון שיר השירים. ס'איז א ווין פון ליבע וואס דו טרינקסט זיך אן ווען דו זאגסט שיר השירים. איז עס נישט א שאד אז אונזער דור וואקסט אויף אן שיר השירים? דו וועסט זיך לערנען ליב צו האבן דיין פאלק.

## פאטריאטיש צו אונזער פאלק

אצינד הייבן מיר אן צו פארשטיין וואס רבי עקיבא האט געזאגט. כל הספרים קודש הם, אלע ספרים פון תנ"ך זענען הייליגע ספרים, אבער שיר השירים קודש קדשים. דאס איז הייליג פון די הייליגע ווייל שיר השירים קאנצענטרירט זיך אויף די איינע נקודה, ווי פיל דער באשעפער האט ליב זיין פאלק. דאס איז די הייליגסטע פון די הייליגע, די באלעבונג פון ליב האבן דיין פאלק. דו ווערסט א פאטריאט, אן אמת'ער פאטריאט, א תורה'דיגער פאטריאט פון דיין פאלק.

למעשה, עס פאדערט א גרויסע מאס געטריישאפט צו אידן דאס צו הערן, ספעציעל היינט ווען די אידן אין אמעריקע זענען אזוי פארקויפט פאר די ליבעראלן און דעמאקראטן. די מענטשן זענען יושר'דיג און זיי ווילן נישט זיין עגאאיסטיש און פארכאפן דעם גאנצן באלעמער, זיי ווילן געבן אויך פאר אנדערע מענטשן א געלעגנהייט. אודאי זענען מיר שטאלץ צו זיין אידן, אבער מיר ווילן אויך זיין יושר'דיג און זיך נישט גרויסהאלטן אויב מיר זענען נישט בארעכטיגט צו זאגן אזעלכע זאצן. און דערפאר איז עס נישט לייכט צו הערן אזעלכע זאכן.

אבער נאך אלעם, ס'איז נישט וואס מיר זאגן. מיר הערן זיך בלויז צו צו די רייד פון די תורה. און דאס איז וואס דער באשעפער האט זיך אויסגעדריקט. ער האט אונז ליב ווייל מיר זענען די **יָפָה בַּנָּשִׁים**.

## דאס בעסטע איז ביי אידן

מיר זענען די אנשטענדיגסטע מענטשן און די גרעסטע בעלי צדקה. די אידן האבן אלע גוטע מידות. די פרומע ערליכע אידן זענען די הערליכסטע אין די וועלט. ס'איז גארנישט דא אזוי ווי זיי. קיין שום פארגליין, קיין שום פארגליין! ברוך ה'! היינט, ברוך ה', זעט מען צניעות, מ'זעט מסירות נפש פאר תורה און מצוות. נישטא קיין ספק אין דעם. אט האט איר א פרוי וואס שטופט א קעריזש (קינדער וועגעלע). איר קאפ איז צוגעדעקט. אינעווייניג אין די וועגעלע ליגן צוויי בעביס און ביי די זייטן זענען דא פינף אדער זעקס וואס לויפן מיט. ס'איז דא א קדושה אויף דעם. ס'איז דא די שכינה דערויף און ס'איז אינגאנצן נישט איבערגעטריבן. דאס איז דער אמת.

איך בין דא איין טאג געגאנגען אין גאס. א קליינע אכט יעריגע מיידל איז געזעסן אויף די טרעפ מיט אירע חבר'טעס. זי האט גערעדט צו אירע חבר'טעס. ווען איך בין פארבייגעגאנגען האט זי געזאגט, "א בת ישראל דארף נישט טון אזעלכע זאכן." אאאה - איך בין געווען אזוי שטאלץ! א קליין מיידל! "א בת ישראל דארף נישט טון אזעלכע זאכן," האט זי געזאגט. זי האט עס נישט געזאגט פאר מיר. דאס איז די אידישע פאלק; דאס איז די הייליגע פאלק וואס דער באשעפער ליבט.

## די ווייניגסטע פארברעכער

נישטא קיין ספק אין דעם. מיר האבן דאס גרעסטע שלימות, די בעסטע אויפפירונג, די אנשטענדיגסטע מענטשן, די מערסטע געזעץ-פאלגעדיגע מענטשן; די אידן זענען די ווייניגסטע פארברעכערישע מענטשן. כאפ אן דעם שענסטן גאס אין דעם בעסטן גוי'שן געגנט און דו וועסט מיינען אז דו וועסט אלעמאל קענען גיין דארט אין גאס און עס וועט דיר קיינמאל גארנישט פאסירן - זיי נישט אזוי זיכער. אין דעם בעסטן געגנט צווישן גוים, אז דו גייסט אין גאס, אפילו אויב זיי דערקענען דיר נישט אלס א איד, קענסטו קיינמאל נישט וויסן וואס עס וועט זיין. גוים, יונגע גוים, זענען שטענדיג געפארפול - אפילו אין דעם בעסטן געגנט. זיי זענען אלעמאל געווען. שקצים, אזוי פלעגן מיר זיי רופן, זענען אלעמאל געווען א געפאר. אפילו פון די פיינסטע פאמיליעס, יונגע גוים זענען א סכנה.

אבער גיי אין א אידישער געגנט, דא איז דער פארזיכערסטער פלאץ אין די וועלט. דא איז דער איינציגסטער ארט וואו עס געפינען זיך אמת'ע ציוויליזירטע מענטשן. די יונגע אידישע בחורים, דו קענסט גיין צווישן זיי און דו ביסט פארזיכערט, ווייל ס'איז אן עם קדוש. קיין שום גוי וואס גייט אדורך א אידישער געגנט איז נישט דערשראקן אז א ישיבה בחור אדער א אידישער בוך-האלטער וועט אנקומען פון צווייטן זייט גאס און אים צעשלאגן. די אידן זענען די ווייניגסטע קרימינאלע מענטשן.

## אן איבערשוועקונג אין מח

אלזא, דאס קען זיך נישט אזוי דערהערן דורך דיינע אויערן ווען דו הערסט עס צום ערשטן מאל,

דעריבער דארפסטו עס הערן נאכאמאל און נאכאמאל. דו דארפסט אנערקענען אז ס'איז גארנישט שלעכט מיט די ווערטער. ס'איז עפעס שלעכט אין דיין מח. דו דארפסט אנהייבן איבערצוטוישן דיין מהלך המחשבה. סיי וואס דו האסט געליינט ביז יעצט, סיי וואס דו האסט געהערט אויף די גאס, ביי די ארבעט, דאס איז אלעס 100% דער רעזולטאט פון דעם יצר הרע.

דער יצר הרע איז זייער פארנומען ביי דעם פראנט. לאמיר זאגן די 'ניו יארק טיימס' צייטונג; צי רעדן זיי מיט לויב אויף די ארטאדאקסישע אידן ווי אנשטענדיג זיי זענען, ווי זיי פארמאגן שיינע פאמיליעס, ווי זיי האבן נישט קיין פארברעכער, ווי זיי האבן א גוטע פארהייראטע לעבן, ווי זייערע קינדער זענען געטריי צו זייערע עלטערן? עס זענען דא אזויפיל עהרליכע זאכן צו זאגן. זיי רעדן נישט פון דעם. זיי רעדן פון אומווערדיגע זאכן א גאנצע צייט. דאס איז די איינציגסטע זאך פון וואס זיי רעדן. ווען רעדן זיי יא איבער די ארטאדאקסן? ווען זיי טרעפן עפעס שלעכטס צו שרייבן.

דאס איז דער יצר הרע פון חרפת נבל. ער איז מגנה את ישראל; דאס מיינט, אז ער פראבירט צו מאכן די אידן צו שאנד און זיי דערנידערן. און ער טוט עס אין א זייער גרויסער מאס. דער פרומער איד איז א שווינדלער און יענער ערליכער איד איז א פאפער און אזוי ווייטער.

## די ערגסטע שווינדלער

איך בין געגאנגען אין גאס איין אווענט צוריקקומענדיג פון די ישיבה און קעגן מיר איז געקומען א אידישע פרוי וואס האט גערעדט אידיש צו איר טאכטער, אן ערוואקסענע טאכטער, און זי האט עס געזאגט הויך בשעת זי איז מיר פארבייגעגאנגען, זי האט געזאגט אין אידיש, זי האט נישט גערעדט אידיש א גאנצע צייט, אבער פאר מיינעט וועגן האט זי געטוישט: "די פרומע זענען די ערגסטע גנבים." און איר טאכטער האט אויסגעהערט איר תורה, די תורה פון דעם יצר הרע, אז די ערגסטע שווינדלער זענען די ארטאדאקסישע. זיי זענען אלע שווינדעלערס. זיי זענען פעלשערס.

היינט איז די מאמע, דער ארעמער קרבן פון די חרפת נבל, זי זיצט ערגעץ וואו עס איז זייער הייס. דאס האט פאסירט 40 יאר צוריק - היינט זיצט זי אין גיהנום און זי האט נחת וויל איר טאכטער לעבט זיכער מיט די תורה וואס איר מאמע האט איר אויסגעלערנט - אז די ארטאדאקסישע זענען די ערגסטע שווינדלערס.

האנדל מיט די גוים און געפין אויס ווי ארענטליך זיי זענען. נישט נאר וועלן זיי דיר אויסנארן, נאר זיי וועלן לייגן דיין לעבן אין א געפאר אויב דו קאנקורירסט מיט זיי. איינער פון אונזערע מענטשן דא האט איינמאל בטעות אנגענומען א באשטעלונג פון א גרויסער שאפינג צענטער. דערנאך האט ער אויסגעפונען אז ער האט געמאכט זייער א גרויסן טעות וויל יענער איז געווען א קליענט פון די מאפיע. ער האט אנגענומען א באשטעלונג פון דעם מאפיאנער'ס קליענט, איז גלייך אין יענע נאכט האבן זיי עקספלאדירט אין פייער זיין ביזנעס. איינער פון אונזערע מענטשן דא. דאס איז דער וועג ווי אזוי גוים רעאגירן.

## שווארץ אבער שיין

אלזא, איך ווייס אז איר מענטשן וואס הערן דאס זענען נאכנישט איבערצייגט וויל איר זענט שוין שטארק באאיינפלוסט דורך די גוים. איר טראכט, "וואס איז מיט דעם?", "וואס איז מיט יענץ?", "וואס איז מיט אים?" איר טראכט אז עס זענען דא אזויפיל אויסנאמען צו דעם כלל. איר זאלט זיך בעסער אכטונג געבן! איר זאלט בעסער צוהערן צו וואס איך זאג אייך דא. איר דארפט פטור ווערן פון די באשולדיגונג וואס איר האט קעגן פרומע אידן.

און אזוי זאגן מיר צום באשעפער, "**אַל תִּרְאוּנִי שֶׁאֲנִי שְׁחַרְחֹרֶת** - קוק נישט אויף מיר אז איך בין פארשווארצט." מיר זענען אביסל אפגעברענט פון די זון. אונזערע מוחות זענען פארטונקלט דורך דעם יצר הרע און מיר גלייבן נישט מיט אונזערע גאנצע מוחות אז מיר זענען די הערליכסטע מענטשן.

אלזא, זאגן מיר אזוי ווי די כלה אין שיר השירים זאגט, **שְׁחוֹרָה אֲנִי וְנָאוָה** - מיר זענען שווארץ; זיי פראבירן צו פארטונקלען אונזערע מוחות, אבער מיר ווייסן אז מיר זענען שיין. "איך בין פארשווארצט, אבער איך בין שיין." נישט ווי די שווארצע זאגן אז זיי זענען שווארץ און שיין. זיי זענען ווייט פון שיין. זייער ווייט פון שיין. אבער דאס אידישע פאלק זענען באמת א הערליכע פאלק, נאר מיר זענען געווארן פארשווארצט דורך די באזידלערס, דורך די בלבולים פון די פיינט און צומאל דורך אונזערע אייגענע.

## חזר עס נאכאמאל און נאכאמאל

און דערפאר זאגן מיר **אַל תִּרְאוּנִי**, קוק נישט אויף אונז און זע אז מיר זענען עטוואס פארשווארצט דורך א זון ברי, דורך די חרפת נבל פון די פעלקער. מיר זאגן צום באשעפער אז מיר מאכן זיך נישט וויסנדיג פון אלעס וואס זיי זאגן איבער אונז און מיר אנערקענען וואס דו באשעפער זאגסט, אז מיר זענען די **יָפָה בַּנָּשִׁים**. מיר זענען די הערליכסטע פאלק.

און אזוי זאגט אונז דער יום טוב חנוכה, אז מיר דארפן אויפלעבן דעם ענין וואס שלמה המלך האט אונז געלערנט אין שיר השירים. מיר דארפן לויבן פרומע אידן! מיר דארפן רעדן איבער די מעלות פון פרומע אידן, וואספארא בעלי צדקה זיי זענען! זיי געבן מעשר, א צענטל פון זייער הכנסה! רעד איבער דעם! רעד פון ווי אזוי אידן זענען פארנומען צו ערציען פאמיליעס, זיי זענען געטריי צו זייערע קינדער און קינדער זענען געטריי צו זייערע עלטערן! ווי אנשטענדיג פרומע אידן זענען! פרומע אידן זענען אנשטענדיגער ווי סיי וועלכע פאלק אין די וועלט! קיינער קען אונז נישט קעגנקומען!

מיר פארמאגן דעם שפיץ פון ציוויליזאציע! די וועלט דארף אונז ארויפקוקן פאר אונזער גוטער כאראקטער, פאר אונזער חסד, פאר אונזער צניעות, פאר אונזער אנשטענדיגקייט. קיינער קען זיך אפילו ווייט נישט פארגלייכן צו דאס אידישע פאלק. און דערפאר דארפן מיר רעדן דערפון נאכאנאנד. דער יצר הרע האמערט אוועק און ער טוט אפילו איינשפאנען ארטאדאקסישע אידן אינעם קאמפיין קעגן פרומע אידן; און דערפאר איז אונזער אויפגאבע צו רעדן נאכאנאנד צו די וועלט, און ספעציעל צו אונז אליין. מיר דארפן רעדן אינעם זעלבן אופן ווי דער באשעפער רעדט. **יָפָה אַתְּ רַעְיָתִי** - דו, מיין באליבטע, דאס אידישע פאלק, ביסט הערליך. קיינער אין די וועלט קען זיך נישט פארגלייכן צו דיר. **יָפָה בַּנָּשִׁים** - דו ביסט די שענסטע פון אלע פרויען אין די וועלט.

## די געטרייע פארבלייבן

אונזער פאלק גייט אין גוטן ריכטונג. און די צייט וועט קומען ווען די גאנצע וועלט, **יַכִּירוּ וְיֵדְעוּ כָּל יוֹשְׁבֵי תֵבֵל** - יעדער וועט אנערקענען דעם אמת און יעדער וועט קומען און זיך בוקן צו אונז און זיי וועלן מודה זיין אין דעם אמת. "איר זענט אלעמאל געווען די בעסטע, **וַאֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ**. מיר זענען געווען די זינדיגע דורכאויס די גאנצע צייט."

אלזא, דאס איז א זייער וויכטיגע לערע וואס מיר דארפן לערנען, ווייל אויב מיר וואלטן עס פריער געלערנט וואלטן זייער פיל מענטשן איבערגעלעבט. אנדערש ווערן זיי פארלוירן. דאס איז וואס עס האט פאסירט. זיי זענען פארלוירן געגאנגען. די מתיוונים זענען געווארן צדוקים. זיי זענען אלע געווארן צדוקים און די צדוקים זענען אלע פארלוירן געגאנגען. איך האב עס געליינט אין א בוך וואס א גוי האט געשריבן, אז ביי חורבן בית שני זענען אלע צדוקים פארלוירן געגאנגען. מיר האבן מער קיינמאל נישט געהערט פון זיי. ברוך שפטרנו!

און עס איז געווען בלויז די חשמונאים, די וועלכע האבן געשעצט דאס שלימות פון דאס אידישע פאלק און אפגעשלאגן דעם יצר הרע פון חרפת נבל, זיי זענען די וועלכע האבן אויפגעהויבן דעם שטאלץ פון דאס אידישע פאלק. זיי זענען די וועלכע האבן צוריקגעברענגט די ליכט פון שטאלץ צו אונזערע אויגן. און דאס איז פארוואס מיר האבן זוכה געווען צו ניסים. ווייל **וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם** - איר וואס זענט געטריי צום באשעפער, **חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם** - איר וועט פארבלייבן אויף אייביג און אייביג.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**ווען א מענטש ארבעט אין א געפארפולע געגנט, איז כדאי זיך איינצוהאנדלען א לייסענס צו מעגן טראגן מיט זיך א רעוואלווער?**

**תשובה:**

למעשה, דאס איז א שאלה וואס איז נישט אזוי גרינג צו ענטפערן ווייל פיל מאל קען מען זיך אן עצה געבן מיט א בעסערע מיטל ווי א רעוואלוועך. אזוי ווי מיר זאגן אין 'אלקי נצור' יעדן טאג: ונפשי כעפר לכל תהיה - און מיין זעל זאל זיין ווי שטויב צו יעדן. אויב איינער, א גוי, רייצט זיך מיט דיר און פארשעמט דיר, ווער אן עניו. עס לוינט צו זיין אן עניו - דו ווועסט לעבן לענגער אויב ביסטו הכנעה'דיג און דו האלטסט דיין מויל פארמאכט.

אבער ווען דו האסט א רעוואלווער אין דיין טאש, קענסטו זיך פארגעסן און צוריקענטפערן שארף. און דאן, איז נישט אזוי זיכער אז ער פארמאגט נישט קיין רעוואלווער. און ער קען וויסן בעסער ווי דו ווי אזוי עס צו ניצן.

איך בין אמאל געגאנגען אויף א באזוך צו א חבר און ער האט געזען אז איך האלט א שטעקן, א שווערער שטעקן. עס איז געווען פיל יארן צוריק, אומגעפער דרייסיג יאר צוריק און עס איז געווען א געפארפולע געגנט דערפאר האב איך געהאלטן א שטעקן. און דער חבר האט מיר געזאגט, "טו דאס נישט! ס'איז א סכנה צו האלטן א שטעקן."

ס'איז א סכנה צו האלטן א שטעקן, ערשטנס ווייל זיי קענען צונעמען דעם שטעקן און דיר שלאגן דערמיט. דאס איז נומער איינס. צווייטנס, מיט א שטעקן, ווערסטו לייכטזיניג. אן א שטעקן, וועסטו בלייבן אינדערהיים. ביזט מער פארזיכערט אזוי. און ס'איז אלעמאל בעסער צו פארמיידן פראבלעמען.

איך האב אייך דאס שוין געזאגט פיל מאל. די כינעזער זאגן, "ווער איז א העלד? דער וואס ווייסט ווי אזוי צו אנטלויפן." דאס איז א העלד - אויב דו ווייסט ווי אזוי צו אנטלויפן ביסטו א העלד.

איז דערפאר, וועל איך נישט ענטפערן די שאלה. ס'איז אלעמאל בעסער צו פארמיידן יעדע מעגליכקייט פון א געפאר, אבער צו טראגן מיט זיך א רעוואלווער קען פיל מאל מאכן דעם מענטש לייכטזיניג צו גיין צו ערטער וואו ער וואלט אן דעם נישט געגאנגען.